# מאמר המחבקים

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש סיון
לע"נ הרב הגאון
רבי פנחס חיים ב"ר
נפתלי הלוי ז"ל רובינפעלד
יארצייט יום כ' דשבועות

שנה ז | גליון 111 | שלח - קרח תשפ"ג לפ"ק


## קילורין לעינים

יסודות'דיגע שאלות
אין שמירת עינים,
אויסגעקלארט דורך
משפיעים מפורסמים

הגה"צ המשפיע
רבי **חיים יוסף בידערמאן** שליט"א
רב דחסידי לעלוב בני ברק

## א מלחמה - שטיי אוועק פונעם פראנט! | חלק ב'

**פראגע:**

די הייסע זומער טעג דערנענטערן זיך, און אין מיין הארץ איז דא א באהאלטענער זארג: וואס וועט זיין מיט שמירת עינים? די גאסן זענען פריצות'דיג, און די נסיונות נעמען ארום פון אלע זייטן און זענען פילפאכיג שווערער ווי א גאנץ יאר. וואס איז דער ריכטיגער וועג מ'זאל קענען דורכגיין דעם זומער מיט ריינע אויגן?

**אין קורצן פון פריער:** אינעם ערשטן חלק איז געווארן אויסשמועסט די וויכטיגקייט צו אוועקשטיין פונעם מלחמה פראנט, און ווי אויסגעלאסענע ערטער זענען משפיע אויפ'ן מענטש. אינעם צווייטן חלק וועט ווערן ארומגערעדט ווי שטארק ס'איז געווען איינגעווארצלט שמירת עינים ביי צדיקים, ווי זיי האבן זיך דערוווייטערט מן הכיעור, און חיזוק צו קונה זיין שמירת עינים.

~ ~ ~

### גאזאלין טאנקען אויף דער גאס

ר' זלמן ברייזל ז"ל איז געווען פון נקיי הדעת פון ירושלים של מעלה. ס'איז געווען א תקופה וואס ער האט געוואוינט דא אין בני ברק, און ער פלעגט דאווענען אין בית מדרש ביים זיידן זי"ע.

האט פאסירט איין טאג אז ער איז ארויס פון בית מדרש צו רחוב רבי עקיבא - די הויפט גאס אין בני ברק, א גרויסע פארנומענע גאס. ר' זלמן איז שוין געווען אן עלטערער איד, און ער האט געהאט א באגלייטער א בחור. זיי האבן אנגעהויבן גיין, און מיטאמאל האט זיך געהערט פון הינטער זיי א גרויסער טומל.

די מעשה איז געווען אז ס'איז געפארן א מאשין, א קאר צי א טראק, וואס איז געווען אנגעפילט מיט טאנקען גאזאלין, און ס'זענען אראפגעפאלן עטליכע טאנקען אויף דער גאס. ווי איר קענט זיך אליין פארשטעלן, איז גלייך געווארן א גרויסער טומל - ס'איז דאך א פחד, א סכנה, די טאנקען קענען אויפרייסן חלילה. הערנדיג דעם גרויסן טומל, האט זיך דער בחור דער באגלייטער געגעבן א דריי אויס זען וואס דארט גייט פאר.

האט אים ר' זלמן גלייך געגעבן א כאפ ביי דער האנט: "וואס דרייסטו דיך אויס? וואס איז עס דיין עסק? דו קענסט עפעס העלפן?"

ער האט אויטאמאטיש געפילט אז די גאנצע זאך האט גארנישט מיט אים, ער האט נישט וואס זיך ארומצודרייען. מיט אזא ישוב הדעת! דאס קען מען נישט מאכן אז מ'טוט זיך אן א גארטל און דאס איז עס... דאס קומט פון אסאך הארעוואניע פריער. אז ס'פאלן אראפ טאנקען געזאלין און מ'דרייט זיך נישט אויס, מיינט עס אז ס'איז מושרש, ס'איז


<<<


## תוכן הגליון


**קילורין לעינים:**
הגה"צ רבי חיים יוסף בידערמאן שליט"א ____ זייט 1-3
**דבר המערכת** ____ זייט 3
**יאמרו המושלים** / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 6



### זכות הוצאת הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר **יואל ברוין** הי"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח **יהוסף** נ"י
עב"ג בת הר"ר **משה אלי' עסטרייכער** הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה ועומדים מול נסיונות הזמן בתוקף ועוז תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, פרנסה בהרחבה גדולה, והצלחה בכל מעשה ידיו, אמן.

### זכות הדפסת הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר **יואל גאנדל** הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב
עב"ג הבה"ח **שלמה זלמן** נ"ו בן מוה"ר **שלום ציק** הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן.

### זכות הפצת הגליון

נתנדב ע"י לע"נ
התנא האלוקי **רבי מתיא בן חרש**
זכותו הגדולה וזכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן.



כלל ישראל דארף שטארקייט!
שטארקייט

‹‹‹

איינגעווארצלט אז די אויגן דארף מען היטן. דאס מיינט קדושה!

## אויגן פוןביין

דער פסוק זאגט, עֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע. שטייט פון רבי אהרן יוסף לוריא זצ"ל, פון די זקני חסידי סלאנים אינעם פריערדיגן דור, אז א מענטש דארף מאכן זיינע אויגן ווי ס'וואלט געווען א ביין. ווייל אז מ'הייבט אויף די האנט, פילט מען ווי מ'הייבט עפעס אויף, דאקעגן די אויגן מאכט זיך אויף און צו זייער גרינג, מ'שפירט נישט אז מ'דארף עפעס טון.

זאגט ער עֹצֵם עֵינָיו - מ'זאל מאכן די אויגן פאר אן עֶצֶם, פאר א ביין, מ'זאל שפירן אז ווען מ'הייבט אויף די אויגן דארף מען טון א פעולה, און ס'פאדערט א מחשבה פון פריער. אבער אז מ'דארף נישט טון קיין פעולה, נאר ס'הייבט זיך אויף פון זיך אליין, איז רחמנא ליצלן, דעמאלט דארף מען א גרויסע שמירה. ווייל אז ס'פליט אליין, ווערט מען דאך פארלוירן, מ'זעט אפילו וואס מ'האט נישט געוואלט קוקן. און אזוי זעט מען טאקע ביי אברהם אבינו, וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו - ער האט געדארפט אויפהייבן די אויגן, זיי האבן זיך נישט אויפגעהויבן פון זיך אליין.

## ברילן וואס מ'זעט גוט

איך דערמאן מיך א מעשה וואס איז געווען ביים זיידן, הרה"ק רבי משה מרדכי [מלעלוב] זי"ע, דער סבא קדישא. ער איז געווען א קדוש ישראל, און ער האט געהאט זיינע ענינים פון תיקונים וואס מיר האבן מיר נישט קיין השגה בכלל.

עכ"פ אמאל איז א בחור אריינגעקומען צום טיש - פרייטאג צונאכטס אדער שלש סעודות - און דער זיידע האט זעט אויס פארשטאנען אז מ'דארף אים געבן אביסל א וואש, ער דארף עפעס א שטיקעלע תיקון. דער בחור איז געגאנגען מיט ברילן. רופט ער צו דעם בחור, און ער זאגט אים, "אה, דו גייסט ברילן? וואס, דו זעסט נישט גוט?"

דער זיידע האט געהאלטן אינמיטן עסן די הערינג מיט'ן שמן זית, ער פלעגט איינטונקען די חלה אין דעם און עס אזוי עסן, און די הענט זענען אים געווען פעט פונעם שמן זית. זאגט ער פאר'ן בחור, "גיב מיר די ברילן א מינוט." דער זיידע האט אנגעטון די ברילן, ער קוקט אזוי, און ער רופט זיך אן, "מ'זעט נישט, מ'זעט נישט..."

דער זיידע נעמט אראפ די ברילן, און ער הייבט עס אן אזוי ארומווישן מיט זיינע פינגער וואס זענען געווען מיט'ן שמן זית. ער ווישט און ווישט, און נאכדעם טוט ער עס אן. "אה, יעצט זעט מען גוט! יעצט זען מען!"

דער פשט איז, ווען די ברילן זענען שמוציג, זעט מען גוט. וְנִרְאֵהוּ עַיִן בְּעַיִן - אז מ'קוקט נישט מיט'ן פליישיגן אויג, זעט מען גוט מיט'ן פנימיות'דיגן אויג.

## ווער איז בלינד?

קען מען צולייגן, ס'איז דאך דא דער לאו פון וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל, און אלע ווייסן וואס דאס מיינט, אז מ'גיבט א כוס וויין פאר א נזיר צו טרינקען, מ'איז אים מכשיל מיט אן עבירה. פרעגט זיך א קשיא, אמת טאקע אז דער וואס גיבט אים צו טרינקען




ברענגט אים צו א מכשול, אבער פארוואס איז יענער אן "עִוֵּר"? פארוואס איז דער נזיר "א בלינדער"? ער ווייסט אז מ'טאר נישט טרינקען, ער איז נישט אומוויסנד. פארקערט, טאמער ווייסט ער נישט און ער איז א שוגג, איז דא א גאנצער נידון צי ס'איז דא ביי דעם לִפְנֵי עִוֵּר.

ענטפערט אויף דעם דער חינוך (מצוה רלב) א מורא'דיגע זאך: וויבאלד ער איז א בלינדער אויף דער קומענדיגער עבירה וואס דאס וועט אים צוברענגען, ווייל עבירה גוררת עבירה. יעצט איז ער נאך טאקע בוחר אליין צו טרינקען, אבער קומענדיגע מאל וועט ער שוין טרינקען פון זיך אליין, דערפאר איז ער א בלינדער.

דער רמב"ם זאגט א צווייטע נקודה (הל' רוצח ושמירת הנפש יב,יד): שֶׁהוּא עִוֵּר וְאֵינוֹ רוֹאֶה דֶּרֶךְ הָאֱמֶת מִפְּנֵי תַּאֲוַת לִבּוֹ - ער איז נעבעך בלינד, ער זעט נישט דעם ריכטיגן וועג צוליב תאות לבו.

לאמיר זיך מצייר זיין אזוי: א מענטש גייט אין גאס און ער פארקוקט זיך אויף אלע זייטן, ער קוקט אהין, ער קוקט אהער, זאגט דער רמב"ם, ער איז א בלינדער. אוי, א בלינדער גייט אין גאס, רחמנא ליצלן! מ'דארף אים ראטעווען! ער איז א בלינדער, ער קוקט אין אלע זייטן. אבער דער וואס גייט אין גאס מיט א געבויגענעם קאפ, ער קוקט נישט וואו מ'דארף נישט, ער זעט נישט דעם גאנצן ארום און ארום, אה, ער זעט גוט! וְנִרְאֵהוּ עַיִן בְּעַיִן - זיינע אויגן ארבעטן גוט!

## אינעם מיסט שמעקט בעסער

דער טאטע (הרה"ק רבי אלתר אלעזר מנחם בידערמאן, האדמו"ר מלעלוב) זי"ע איז אמאל געגאנגען אין גאס מיט מיין ברודער הרה"צ רבי אלימלך זאל זיין געזונט. אינמיטן זענען זיי אנגעקומען צו אן ארט וואו ס'זענען געווען פארזאמלט נשים און דאס צניעות איז נישט געווען ווי ס'דארף צו זיין. דערנעבן איז געווען א הויפן מיסט. פארציילט רבי אלימלך: "כאטש דער טאטע איז סתם אזוי געווען א מיושב'דיגער מענטש און ער פלעגט נישט טון קיין ווילדע זאכן, האט מיך געגעבן א כאפ אן און אריינגעשלעפט אינעם הויפן מיסט, זאגנדיג, 'אלימלך, דא שמעקט בעסער ווי דארט!'"

הגה"צ המשפיע
רבי **חיים יוסף בידערמאן** שליט"א
רב דחסידי לעלוב בני ברק

דאס זענען געווען צדיקים. און דאס אלץ איז אפילו ווען ס'איז קדש עצמך במותר לך; מ'רעדט שוין נישט חלילה וחלילה ווען ער האט נסיונות. מ'רעדט דא פון וְלֹא תָתֻרוּ וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם.

## וואו איז דיין מוח?

רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח אין גור, האט געזאגט, ס'זענען דא אזעלכע וואס ווען זענען אין גאס זעען זיי וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם; ס'זענען דא אזעלכע וואס ווען זיי זאגן וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם זעען זיי די גאס רח"ל. אז מ'הארעוועט נישט און מ'ארבעט נישט אויף דעם, קען מען חלילה זען די גאס ביי וְלֹא תָתֻרוּ.

רבי חיים מאטיניא זצ"ל, א ברודער פונעם אהבת ישראל, האט אמאל געזאגט, געוויסע מענטשן ווען זיי באגעגענען אן אשה טראכטן זיי אז ס'איז א בוים, און אנדערע ווען זיי באגעגענען א בוים מיינען זיי אז ס'איז אן אשה... וואו איז דיין מוח? וואו איז דיין געדאנק? וואו ליגסטו? מיט וואס ארבעטסטו?

אבער מ'דארף וויסן אז דאס איז אונזער מלחמה, דאס האט מען אונז געגעבן. דער רבונו של עולם זאגט אִי יְהַבְתְּ לִי לִבָּךְ וְעֵינָךְ, ווייל דאס וויל ער, ער וויל מיר זאלן זיך שלאגן, מיר זאלן זיין אין א מלחמה. דאס מאכט אונז ריין.

איינער פון די צדיקים האט געזאגט, וואס הייסט ירידת הדורות? אז א מענטש גייט ארויס אין גאס און ער קומט צוריק ריין, ער איז נישט נכשל געווארן, און ער נעמט זיך נישט טאנצן פון שמחה, דאס איז ירידת הדורות. ער זאל טאנצן פאר שמחה, ברוך ה' איך בין נישט נכשל געווארן! ברוך ה' איך בין אריבער דער גאס און איך בין געבליבן ריין!

## גניבת דעת פונעם יצר

פון דער צווייטער זייט דארף זיין בְּתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה. ווי דער תולדות יעקב יוסף ברענגט אין פרשת חוקת א גאנצן שמועס איבער דעם, אז מ'דארף גנב'ענען דעם דעת פונעם יצר הרע. ער רעדט אויך אין אלגעמיין אין עבודת ה'. אז א איד וויל אויפשטיין אינדערפרי, זאל מען זאגן פאר'ן יצר הרע "איך וויל טרינקען א גוטע קאווע", און נאכדעם וואס ער שטייט שוין אויף קען ער גיין אין בית מדרש. אזוי ווי דער מדרש זאגט (ויקרא רבה לה,א) אויף דוד המלך, בְּכָל יוֹם וָיוֹם הָיִיתִי מְחַשֵּׁב וְאוֹמֵר לְמָקוֹם פְּלוֹנִי וּלְבֵית דִּירָה פְּלוֹנִית אֲנִי הוֹלֵךְ, וְהָיוּ רַגְלַי מְבִיאוֹת אוֹתִי לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּלְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת.

מ'דארף אים גארנישט זאגן, נאר ער זאל זיך טרעפן סיבות, זיך פארטראכטן אין א זאך; איך האב עפעס א שווערן ענין אין ביזנעס. מ'זאל זאגן פאר'ן יצר הרע, איך דארף פונקט גיין א צווייטן וועג, איך מוז איינעם טרעפן, איך וויל זען עפעס א מודעה...

מ'זאגט נאך פון איינעם, אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ. פשט איז, ווי אזוי קען מען היטן די אויגן? עַל הַדָּרֶךְ - קוקט אויף דער גאס, קוק אויף דער ערד, קוק אויף די באַלאַטעס, אויפ'ן זאמד. דאס איז די שמירה; מ'דארף זיך מיט עפעס פארטראכטן, דעמאלט וועט ער שוין פטור ווערן פון אלעם. יעדער איינער זאל זיך אוועקלייגן א נושא וואס ער דארף טראכטן אין גאס.

## די איינציגע עצה: תפילה

אבער באמת קען מען נישט געבן קיין עצות, ס'איז נישט דא קיין עצות, נאר מ'דארף דאווענען צום אויבערשטן אז מ'זאל זיך קענען שטארקן.

דער יסוד העבודה ברענגט סוף פונעם ספר ניין עצות אויף עבודת ה'. די ניינטע עצה זאגט ער איז נישט דא נאך אזוי ווי דעם, און דאס איז פשוט דאווענען צום אויבערשטן. וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ - היט מיך, רבונו של עולם, אויפ'ן וועג וואס איך גיי. איך וויל מיך אכטונג געבן די אויגן, איך וויל זיין הייליג פאר דיר, איך וויל זיין ערליך פאר דיר, איך וויל ס'זאל זיין וְנִרְאֵהוּ עַיִן בְּעַיִן - מ'זאל זיך נישט דארפן שעמען, מ'זאל קענען זען!

## נישט נאכגיין וואס איז נאך דער עבירה

און אפילו מ'האט זיך שוין ח"ו פארקוקט, אבער קוק נישט נאכאמאל! און זיי נישט פארנומען מיט דעם וואס דו האסט געזען, אוי, איך האב עפעס געזען דארט. געענדיגט, געגאנגען ווייטער.

ס'שטייט פונעם הייליגן בית אברהם, אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם - זֹנִים איז א לשון פון מזון. אפילו מ'האט חלילה עפעס געזען, האב נישט קיין הנאה פון דעם און טראכט נישט וועגן דעם. נכשל געווארן איז נכשל געווארן, אבער געגאנגען ווייטער. וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - גיי נישט נאך דאס וואס קומט נאך דער עבירה.

המשך אויף זייט 7 >>>

דבר המערכת

## ד' לשונו"ת של גאולה

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה! בס"ד האבן מיר די זכיה אז אויף דעם חודש סיון האבן די גליונות אויף שמירת עינים אנגעהויבן ערשיינען אין צוויי נייע שפראכן: ענגליש און ספאניש.

זינט די גליונות האבן אנגעהויבן ארויסקומען לאור עולם און ווערן פארשפרייט אויף א גרויסן פארנעם, קנאפע 7 יאר צוריק, האבן מיר כסדר באקומען בקשות און פארלאנגען פון אידן איבער דער וועלט פון אידן וואס קענען נישט ליינען קיין אידיש, וואס האבן געבעטן דאס צו פארשפרייטן אויך אין אנדערע שפראכן. בעיקר איז געווען א פארלאנג אויף לשון קודש, ענגליש, און ספאניש.

מיט דער הילף פון חשוב'ע עסקנים, זענען מיר צוערשט ארייננגעשפרונגען דריי יאר צוריק איבערצוזעצן דעם גליון אין לשון קודש, וואס בס"ד האט דאס שטארק מצליח געווען, און ווערט היינט צעשפרייט בכל רחבי ארץ הקודש אין קרוב צו צוואנציג טויזענט עקזעמפלארן.

אז די גליונות זענען ארויסגעקומען רעגלמעסיג אויף אידיש און לשון קודש, האבן מיר אנגעהויבן ארייננקוקן איבער ארויסגעבן אויף ענגליש און ספאניש. דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס איז גארנישט קיין לייכטע אויפגאבע, הן מיט'ן איבערשרייבן דעם חומר אויף א פראפעסיאנעלן אופן, און הן מיט'ן שטיין על גביו און זיך אפגעבן דערמיט. אבער די נאכאנאנדע בקשות פון אידן האבן אונז נישט געלאזט זיצן מיט פארלייגטע הענט. זיי ווילן אויך האבן הייליגע אויגן; זיי ווילן אויך געווער זיך צו שלאגן מיט די שווערע נסיונות פון דער היינטיגער גאס, און זיין אידן נאמנים לה' ולתורתו!

מיר האבן זיך ארייננגעווארפן אין דעם, און ענדליך נאך צוויי יאר אומערמידליכער ארבעט האבן מיר ב"ה מצליח געווען צו טרעפן די פאסיגע מענטשן אז

המשך אויף זייט 7 >>>





נסיונות
פלאקערן
כלל ישרא
שטא
מזכי הרבים
$25
חודש'ליך
גליון טהור עינים אידיש |
טהור עינים
שטארקייט
פאר כלל ישראל
NUAH 845.513.0001



דארף
די נסיונות זענען גרויס. עס איז ביטער שווער. אבער אידן שטייען ווי לייבן, מיט א זעלטענע גבורה קעגן די טאג טעגליכע נסיונות.
טהור עינים שטייט צו הילף מיט הילף און עצות צו מוטיגן די כוחות הנפש.
$360 2,000 גליונות ספאנסער
$180 1,000 גליונות ספאנסער
רופט יעצט אריין מיט אייער נדבה!
845.999.4114
טהור עינים לשון-קודש | גליון טהור עינים ענגליש | גליון טהור עינים ספאניש | טעגליכע מאטיוואציע אימעיל'ס

# ויאמרו המושלים

אלו המושלים ביצרם (ב"ב עח:)

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## פון א חתונה צו א פדיון הבן

פאלגנד איז א מורא'דיגע מעשה וואס איז דערציילט געווארן דורך א חשובע מגיד, וואס ווייזט די ווייטגרייכנדע השפעה וואס די פעולה פון איין מענטש קען האבן אויף אנדערע:

געווען איז עס מיט עטליכע יאר צוריק, ווען א געוויסער בארימטער זינגער האט באקומען א באשטעלונג צו קומען משמח זיין ביי א חתונה. צום באשטימטן טאג איז ער אנגעקומען, ער האט אויפגעסעט זיינע זאכן, און דאן איז ער שאקירט געווארן צו זען אז ס'איז נישט דא קיין מחיצה אין זאל.

ער האט געפרעגט דעם מחותן וואס דא גייט פאר, זאגט אים דער מחותן אז ס'פעלט נישט אויס קיין מחיצה, ס'איז אלץ משפחה און גוטע פריינט, מ'זיצט צוזאמען...

ס'איז אים נישט גוט געווארן. אפנים, ער האט משום איזו סיבה געמיינט אז די מחותנים זענען פרומע מענטשן, אבער ס'שטעלט זיך ארויס אז אידישקייט איז נישט זייער ערשטע פריאריטעט. ער האט ערקלערט דעם מחותן אומצווײדייטיג אז זינגען אן א מחיצה קומט נישט אין באטראכט. אדער לייגט מען א מחיצה, אדער גייט ער פון דא.

"דו וואלסט דאס געדארפט זאגן פון פאראויס," האט דער מחותן גע'טענה'ט. "יעצט קענסטו נישט אויסשפילן דעם עולם און צעשטערן די חתונה. אז דו האסט א פרינציפ, דארף דאס ווערן אויסגעשמועסט ביים באשטעלן."

דער זינגער האט זיך אנטשולדיגט אז ער זינגט אלעמאל ביי רעליגיעזע חתונות, און ס'איז אים נאך קיינמאל אויסגעקומען אזא פאל, אזוי אז ס'איז אים פשוט נישט בייגעפאלן אז ער דארף זיך אויסנעמען אזא זאך. "ווייסטו וואס," האט ער פארגעשלאגן, "אויב דו לייגסט א מחיצה, בין איך מסכים צו זינגען אויף דער חתונה אן קיין פעני באצאלט!"

דער מחותן האט נישט געוואלט הערן דערפון, און בלית ברירה האט דער זינגער אנגעהויבן צוזאמנעמען זיינע זאכן, זיך גרייטנדיג צו פארלאזן דעם זאל. ס'איז געווארן א טומל, און די פארזאמלטע האבן געשוימט אויף זיין חוצפה. דאן איז צוגעקומען צו אים א פעטער פון דער כלה, זאגנדיג: "זאלסט וויסן אז איך בין א לויער, און דו וועסט באצאלן א טייערן פרייז פאר דיין אקט אויסצושפילן די חתונה!"

דער זינגער איז אהיים, און יענער האט טאקע אויסגעפירט זיין דראאונג. מיט עטליכע וואכן שפעטער האט ער באקומען א נאטיץ אויף פאסט, אז דער לויער קלאגט אים אין געריכט פאר'ן סכום פון צען טויזנט דאלאר. ער האט נישט לאנג געצעגערט, ער האט אויסגעשריבן א טשעק פון צען טויזנט דאלאר און צוריקגעשיקט צום זעלבן אדרעס.



דער מחותן האט נישט געוואלט הערן דערפון, און בלית ברירה האט דער זינגער אנגעהויבן צוזאמנעמען זיינע זאכן, זיך גרייטנדיג צו פארלאזן דעם זאל. ס'איז געווארן א טומל, און די פארזאמלטע האבן געשוימט אויף זיין חוצפה.

ס'איז דורך צוויי יאר פון דער מעשה. אין א טאג באקומט דער זינגער א באשטעלונג צו קומען זינגען ביי א פדיון הבן. ווי ביי אלע שמחות די לעצטע צוויי יאר, איז זיין ערשטע שאלה געווען צי ס'גייט זיין א מחיצה. ווען דער ענטפער איז געווען יא, האט ער אנגענומען די באשטעלונג.

אנקומענדיג צום זאל, קומט אים אנטקעגן דער אבי הבן, און פרעגט אים, "דו ווייסט ווער איך בין?"

ער פרובירט צו אויפמישן זיינע זכרון קעמערלעך, און דאן שאקלט ער מיט'ן קאפ אויף ניין.

"איך בין דער חתן פון דער חתונה וואס דו האסט פארלאזט צוויי יאר צוריק, נאכדעם וואס ס'איז נישט געווען דארט קיין מחיצה," שטעלט זיך דער בעל שמחה פאר. מיר זענען נישט געווען אזוי רעליגיעז דעמאלט, ווי דו פארשטייסט אליין מסתמא. אבער עטליכע וואכן נאך דער חתונה האסטו גלייכגילטיג געשריבן א טשעק פון צען טויזנט דאלאר, און דאס איז דיר ווערד געווען נישט צו דארפן זינגען ביי א געמישטער חתונה.

"דאס איז אונז געווען א שאק. מיר האבן זיך נישט געקענט גלייבן אז עמיצער איז גרייט צו צאלן אזויפיל געלט נאר צוליב א רעליגיעזן פרינציפ. מיר האבן זיך זעלבסט געפרעגט: 'איז דא עפעס א מצוה אויף וואס מיר וואלטן געצאלט אזויפיל געלט?' דאס האט אונז אזוי איבערגענומען, אז מיר האבן מחליט געווען צו טוישן אונזער גאנצן לעבנסשטייגער און זיך אנהייבן פירן ווי פולקאמע ערליכע אידן. יעצט איז אונז געבוירן געווארן אונזער בכור, און מיר שפירן פאר א כבוד דיך צו האבן ביי דער שמחה!"

דערביי האבן אים די בעלי שמחה צוריקגעצאלט די צען טויזנט דאלאר, און אויך דאס געלט וואס איז אים געקומען פאר'ן זינגען אויף דער חתונה.

## פלאצירט אין ברוקלין

איך באקום פון דער רעגירונג סעקשאן 8, און איך האב געוואלט אריבערברוקן מיין פלאץ קיין ברוקלין. די מבינים האבן מיר געזאגט אז זיי וועלן לכאורה נישט אננעמען מיין בקשה, אבער איך האב באשלאסן צו פרובירן און געמאכט אן אפוינטמענט.

אנצוקומען צו זייער אפיס האב איך געדארפט פארן א וועג פון איבער צוויי שעה, און איך האב גענומען א קאר צוזאמען מיט אן אנדער פארפאלק וואס האט געהאט אן אפוינטמענט ביים זעלבן אפיס. דער קאר האט קודם זיי אפגענומען, און ווען ס'איז געקומען צו מיר האב איך געזען אז די פרוי האט זיך געזעצט אינדערמיט און איך דארף גיין אינעם הינטערשטן זיץ. במשך דעם לאנגן וועג האב איך מיך שטארק אנגעשטרענגט אויף שמירת עינים, און איך האב מתפלל געווען אז אין דעם זכות זאלן זיי אננעמען מיין פארלאנג, כאטש די אויסזיכטן אז דאס זאל פאסירן זענען געווען זייער קליין.

צו מיין גרויס איבערראשונג האב איך יעצט באקומען א בריוו פונעם אפיס, וואו זיי שרייבן מיר אן קיין הסברים אז איך בין שוין אויפ'ן קומענדיגן חודש געווארן אריבערגעפירט קיין ברוקלין!

(-)

# קילורין לעינים

הגה"צ המשפיע
רבי **חיים יוסף בידערמאן** שליט"א
רב דחסידי לעלוב בני ברק

המשך פון זייט 3 >>>

## מכאן ואילך חושבנא - פון יעצט

דער חידושי הרי"ם זאגט, ס'שטייט אין פסוק, וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם. פרעגט דער חידושי הרי"ם, אויב רעדט מען דא פון אזעלכע מענטשן וואס אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם, זיי זענען ליידער נאכגעגאנגען נאך די אויגן און נישט געהיטן די ראיה און די מחשבה, וואס איז נאך שייך די תורה זאל הייסן וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם? מ'רעדט דאך פון איינעם וואס האט שוין מקלקל געווען, ער האט שוין פוגם געווען דאס הארץ און די אויגן, איז וואס איז שוין געבליבן?

זאגט דער חידושי הרי"ם מורא'דיגע ווערטער: אלא זה הבטחת השי"ת שנשאר בכל נפש מישראל ניצוץ קדוש שיכול להתגבר לתקן שלא לשמוע ללב והעין - דער פסוק איז מבטיח אז יעדער איד בלייבט מיט א הייליגע ניצוץ, און ער קען זיך מתגבר זיין פון יעצט און ווייטער. אפילו ער איז שוין פארפאטשקעט, קען ער זיך נאך אלץ ארויפדראפען און זיך צוריק מחזק זיין אין די אלע זאכן. אזוי ווי מ'זעט אין גמרא מנחות ווי איינער האט שוין געהאלטן ממש ביים טון אן עבירה רח"ל און די ציצית האט אים גערעטעוועט די לעצטע מינוט.

דער פשט איז, אפילו מ'האט געשמועסט די אלע שמירות און הרחקות וואס מ'דארף האבן, אבער טאמער חלילה א מענטש האט מקלקל געווען, זאל ער נישט זאגן, שוין, איך קען גארנישט טון. ווייל דאס איז ווייטער מעשה היצר, ס'איז ווייטער דער יצר הרע וואס וויל מ'זאל זאגן, "שוין, איך בין פארפאטשקעט, איך קען שוין גארנישט טון." דער בעל דבר זוכט אראפצוקלאפן, דו האסט שוין נישט קיין תיקון נאך וואס דו האסט אנגעמאכט מיט די אויגן און דעם הארץ.

ניין, ניין! וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי - א איד דארף צוגיין און זאגן איך בין דער אדון, איך קען זיך שלאגן. איך נעם מיך צו דער עבודה, איך נעם מיך פון פריש, פון יעצט אן, מִכָּאן וָאֵילָךְ חֻשְׁבָּנָא.

און פארדעם, זאגט דער חידושי הרי"ם, שטייט צוויי מאל די ווערטער "אני ה' אלקיכם". צו ווייזן אז אפילו איינער וואס האט שוין חלילה מקלקל געווען, קען אלעמאל אנהייבן פון פריש נאכאמאל, און דער אויבערשטער זאגט צו "אני ה' אלקיכם" - איך וועל זיין מיט דיר, דו וועסט קענען אכטונג געבן.

*

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל קענען זיך היטן, מ'זאל קענען אכטונג געבן אויף אלע איברים, און ס'זאל טאקע זיין וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם. און דאס וועט ברענגען אוודאי די גרויסע ישועה פאר גאנץ כלל ישראל, און מ'וועט קענען זוכה זיין צו זען, כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, במהרה בימינו אמן.

## דבר המערכת

המשך פון זייט 3 >>>

דער גליון זאל קענען ווערן איבערגעזעצט צו גאנצע פיר שפראכן, און ווערן דורכדעם פארשפרייט צו נאך הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער איבער דער וועלט.

בס"ד זענען געווארן צעשפרייט די לעצטע דריי וואכן העכער צוואנציג טויזענט גליונות אין ענגליש און ספאניש, און די גרויסן זענען געווען אומגעהויער, פיל מער ווי ערווארטעט. יעדן טאג באקומען מיר אומצאליגע מעסעדזשעס פון אידן אין אלע עקן וועלט אז שוין יארן וואס זיי ווארטן אויף א קלארקייט אין דעם נושא, און צו האבן א קוואל פון וואו צו שעפן התחזקות אויף שמירת עינים. איבערהויפט ביי אזעלכע קרייזן וואס מ'פלעגט אינעם עבר נישט רעדן אזויפיל פון די נושאים, אבער היינט צוטאגס ווען די נסיונות פאטשן אין פנים אויף א פארנעם ווי קיינמאל פריער איז חיזוק אין דעם ענין עפעס וואס יעדער זוכט.

באזונדער הערן מיר צוריק א שטארקן ענטוזיאזם פון דער ווייטער ארגענטינע, וואו אידן דריקן אויס זייער שטארקע צופרידנהייט איבער'ן גליון אין ספאניש. די גאסן דארט זענען זייער שמוציג, און אידן וואוינען אין די גוי'אישע געגנטן ארומגענומען מיט אן א שיעור נסיונות. דער גליון איז אן אור חדש פאר די ספרד'ישע אידנטום!

מיר האפן אז חפץ ה' בידינו יצליח, מיר זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט דער עבודת הקודש צו פארשפרייטן התחזקות פאר כלל ישראל איבער שמירת עינים.


## על הטוב יזכר

**זכות 3000 גליונות**

**לזכות הנדבן ומשפחתו** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 2000 גליונות**

מוה"ר **יואל צוויבל** הי"ו, מוה"ר **הלל מארמארשטיין** הי"ו, מוה"ר **מרדכי זריל** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **יוסף יודא יאקאבאוויטש** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **עמרם מאיראוויטש** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **זעליג וואלף סיגל** הי"ו לרגל אירוסי בנו למז"ט, לרפואת מרת **רבקה** בת **שיינדל** לרפו"ש,

**זכות 1000 גליונות**

מוה"ר **משה שמואל פעדער** הי"ו, הרב **זלמן לייב רובין** שליט"א לרגל אירוסי בנו למז"ט, מוה"ר **זלמן לייב וויינשטאק** הי"ו לרגל אירוסי בנו למז"ט, מוה"ר **יצחק וויינבערגער** הי"ו לרגל נישואי בתו למז"ט, מוה"ר **שמעון דוד קאהן** הי"ו לרגל הולדת בתו למז"ט, מוה"ר **ישראל יעקב ראאב** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, הרב **שלמה קטינא** הי"ו מנהל ישיבה גדולה ישיבה דמאנסי לרגל הולדת בתו למז"ט, מוה"ר **אליעזר גרינבוים** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו, מוה"ר **שמואל דוד גאלבערגער** הי"ו - לע"נ הרה"ח **ר' אשר זעליג** בן **ר' יצחק אהרן** ז"ל, מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו - לע"נ הרה"ק רבי **משולם פייש** בן הרה"ק רבי **מרדכי** ז"ל מטאהש, לרפואת מרת **איידא** בת **לאה** לרפו"ש, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**שותפי טהור עינים**
נדבנים חדשים מידי חודש בחודש

מוה"ר **משולם מערמעלשטיין** הי"ו, מוה"ר **אפרים משה בראך** הי"ו,

## טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק **077.401.6591**
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בספאניש: **54-115-219-8810**

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
**845.999.4114 #1-9**

## מודעה חשובה

### חשוב'ע בעלי שמחה:

מיט דעם ווילן מיר מעלדן אז מיר האבן אויפגענומען א חשוב'ן גבאי צדקה ה"ה

הר"ר **בנימין ראזענגארטן** הי"ו

צו אפנעמען נדבות פונעם ציבור בזמן שמחה

**צו מנדב זיין לכבוד אייער שמחה קען מען זיך פארבינדן מיט אים אויף: 845.274.1861**

**ווייזט ארויס הכרת הטוב פאר'ן רבש"ע דורכ'ן העלפן מזכה זיין טויזנטער אידן מיט שמירת עינים!**

*אויך קענט איר מנדב זיין ווי ביז היינט אויפ'ן 24 שעה אויטאמאטישן נדבה-ליין: 845.999.4114

### חשוב'ע נדבנים:

**מיר ווילן מעלדן פאר אלע נדבנים וואס גיבן חודש'ליך אדער וואס ביישטייערן גרעסערע סכומים במשכ'ן יאר, אז מיר וועלן אפשיקן אי"ה אויף פאסט דעם נייעם הערליכן "נסיעה קונטרס" וואס וועט בעז"ה פארטיילט ווערן ביים היי-יעריגן קאמפיין.**



אויב ערהאלט איר נישט דעם קונטרס ביז נאך דעם קאמפיין, ביטע פארבינדט אייך צום אפיס: 845.999.4114 עקס. 1-9

## מודעה חשובה

אריינטרעטנדיג אינעם זומער סעזאן, ווען די נסיונות אין שמירת עינים זענען פילפאכיג מער, ווילן מיר מעלדן אז בעז"ה וועט ערשיינע בקרוב א ספעציעלע סעריע גליונות

### אן אפגעהיטענער זומער

אין דער סעריע וועט ווערן צוזמגענומען און אויסגעקלארט פארשידענע הלכות, עצות, און חיזוק וואס זענען נוגע אין די זומער חדשים.

עס וועט זיין א ספעצעלע אפטיילונג פון פראקטישע עצות, וואו די חשוב'ע ליינער וועלן האבן די געלעגנהייט מיטצוטיילן זייער ערפארונגען און זיך העלפן איינער דעם צווייטן.

אויב האט איר סיי וועלכע עצה וואס קען צוניץ קומען פאר אנדערע, צב"ש וויאזוי זיך בעסער צו היטן ביים גיין אין גאס, ביי דער ארבעט, אין אפיס, ביים דרייוון, בילבארדס, אויף א באס, אין געשעפטן, אין קעמפ/קאנטרי, אין א ווארטזאל, אויף וואקאציע, האטעלן, אא"וו

**845.999.4114 #1-2**

אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק!

# ווערט א מזכה הרבים!

## מזכי הרבים $25 חודש'ליך

ווערט א חודש'ליכער
שותף פון $25,
און באקומט דעם
הערליכן

**מתנה**
דער רייכער
**נסיעה**
**קונטרס**

וואס איז נארוואס
ארויס פון דרוק. א
ספעציעלער ביכל
מיטצונעמען ביי יעדע
נסיעה, מיט חיזוק
והלכות עצות והדרכות
אויף טריט און שריט




### כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

מיט'ן ווערן א
חודש'ליכע שותף האט
איר א גלייכער חלק אין
אלע הייליגע פעולות
פון טהור עינים, מזכה
צו זיין טויזענטער אידן
איבער די גאנצע וועלט
מיט שמירת עינים.

רופט יעצט צו זיין
א מזכה הרבים!

**845.999.4114**

טהור עינים
שטארקייט
פאר כלל ישראל

NUAH 845.513.0001